# פרשת וזאת הברכה - בראשית י"ד - כ"ז תשרי תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון – ערב סוכות***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **נפתלי מאיר האפפמאנן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה.

*

***יום ב' דסוכות***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשינו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני החג. בין המסובים נכחו: **הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, והרה"צ **רבי דוד ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מקאלבסוב. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

*

***יום רביעי – א' דחוה"מ סוכות***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לביקור חג אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** ווי אזי שפירט מען זיך.

**האדמו"ר ממונקאטש:** ברוך השם (והזכיר עצמו בשמו ושם אמו).

**רבינו:** א מצטער ווערט פטור פונעם צער, דורך די מצוה פון סוכה. אזוי שטייט אין **תפארת שלמה**[א].

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז ב"ה א שיינע צייט דעם יום טוב. געלויבט דער אייבערשטער.

**רבינו:** איז א סימן אז מען איז מרוצה. ווען קינדער קומען באזוכן א טאטען, דארף זיי דער טאטע שיין אויפנעמען. מען קומט בצילא דמהימנותא, דארף זיין א גוטע צייט.

[א] וזה לשון קדשו: כי מצות סוכה היא מחסה ומגן לכל בני ישראל להנצל מכל צרה ויגון. וזהו מצטער פטור מן הסוכה (סוכה כו.), על ידי הסוכה יהיה פטור מכל צער. וזהו גם כן, חולין ומשמשיהן פטורין מן הסוכה (שם כה.), שיהיו נפטרין מכל חולי ומכאוב ויתרפאו רפואת הנפש ורפואת הגוף, אמן.

**האדמו"ר ממונקאטש:** די גמרא (סוכה כט.) האט א קלער מי שפך למי. די גמרא איז שווער, עס איז דא עפעס א קלער, אז מיר גיסען פארן אייבערשטען.

**רבינו:** איך האב געזען אויף די קשיא, א דבר נפלא. וואס איז טייטש מי שפך למי, ווי אזוי קען זיין אז אונז האב מיר שופך געווען פאר אים גשמים. אונז גיי מיר דאך אין די סוכה, און דער אייבערשטער ברענגט די גשמים, וואס איז טייטש אז מיר האבן שופך געווען פארן אייבערשטען. אז די נענועים זענען דאך לעצור רוחות רעות און טללים רעים. די גמרא (שם לז:) זאגט עס אויף צוויי זאכן, אויף לולב און אויף כבשי עצרת. קומט אויס אז אויב מיר וואלטן געשאקלט לולב ערליך, וואלטן מיר עוצר געווען גשמים רעים אויך. אז מען איז עוצר טללים רעים, וואלטן מיר עוצר געווען אויך גשמים רעים, ווען עס איז נישט די ריכטיגע צייט. אז עס איז געקומען רעגן אין די סוכה, איז א סימן אז אונז האב מיר נישט געהעריג מקיים געווען די נענועים פון פריער, און וועגן דעם איז געקומען גשמים. האבן מיר גורם געווען אז דער אייבערשטער האט שופך געווען די גשמים.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אויף לילה הראשון איז שווער דאס צו זאגן. נו, אין משיבין על הדרוש.

**רבינו:** עס איז א סימן אז די כבשי עצרת האבן מיר נישט געמאכט ווי עס דארף צו זיין.

**הרה"ג רבי יהושע:** לילה הראשון איז מען טאקע מחוייב צו זיצען אין די סוכה אפילו ווען עס רעגנט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך האב געזעהן דעם יום טוב אין **נימוקי אורח חיים** (סימן תרל"ט סק"ד), אז לויט איין שיטה איז לילה הראשון, וואס מען לערנט ארויס חמשה עשר חמשה עשר פון פסח (סוכה כז.), דארף מען יא זיצען אין די סוכה אפילו ווען עס רעגנט אויך. איז די שאלה צו מען דארף מאכן א לישב בסוכה אויך, צו נישט. דער **מנחת אלעזר** נעמט אן פשוט אז ניין, מען האט קיינמאל נישט געהערט אז בשעת הגשמים מאכט מען א ברכה. אבער באמת איז דא אסאך ראשונים וואס האלטן אז יא, אז דער לימוד פון חמשה עשר איז מחייב אפילו צו מאכן א לישב בסוכה. איך ווייס נישט צו די וועלט פירט זיך אזוי, אבער עס איז דא שיטת אין די ראשונים וואס האלטן אזוי.

**בנו ר"י מונקאטש:** די שאלה איז צו ט"ו איז א נייער חיוב, צו עס איז נאר א חיוב אין דעם בסוכות תשבו.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז דער לומדיש'ער ביאור דערין. אבער באמת דאס אז עס איז א נייער חיוב ברויך מען פארשטיין, ווייל דער חיוב איז דאך צו זיצען אין די סוכה, און אויב אין די סוכה איז ער זיך מצטער, ווי אזוי קען מען מוסיף זיין פון דעם לימוד פון חמשה עשר מחייב זיין צו מאכן א ברכה לישב בסוכה.

**רבינו:** איך האב געזעהן זיך שטעלן אויף א קשיא. טאמער עס זאל זיין אזוי, אז עס איז א עקסטערע חיוב פון ט"ו, פארוואס איז נישט דא אויך א עקסטערע חיוב ברכה, אזוי ווי אויף אכילת מצה, זאל זיין א חיוב ברכה אויך אויף די אכילה בסוכה. עס איז דאך א עקסטערע חיוב, עס איז נישט פארבינדען מיט די מצוה פון בסוכות תשבו.

**ר"י מונקאטש:** דער **קאזיגלוב'ער** (**שו"ת ארץ צבי** ח"א סימן צ"ח) וויל פארענטפערן די מנהג פון צדיקים און חסידים, אז מען זיצט אין די סוכה אפילו עס רעגנט. די וועלט פרעגט דאך די קשיא, כל מי שהוא פטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט (ירושלמי ברכות ב-ט). נעמט ער די סברא, און ער גייט מיט דעם א טראפ ווייטער. זאגט ער, ט"ו ט"ו איז א נייע חיוב, דאס נעמט ער אן פאר א דבר פשוט, ער שמועסט עס אפילו נישט אויס, ער נעמט עס אן פאר א דבר פשוט. און דער לשון הגמרא דארט איז, אז מען לערנט ארויס ט"ו ט"ו, מה להלן לילה הראשון חובה מכאן ואילך רשות, אף כאן לילה הראשון חובה מכאן ואילך רשות. זאגט ער, האט מען דאך יעצט געלערנט פון דעם גזירה שוה, נישט נאר אז לילה הראשונה חובה, נאר אז שאר הימים איז א רשות, האט מען אויך אפגעלערנט פון דעם ט"ו. קומט אויס אז אלע זיבן טעג איז דא צוויי מצוות, עס איז דא א מצוה פון בסוכות תשבו, און עס איז דא א מצוה פון ט"ו ט"ו, וואס מען האט געלערנט אויף רשות, נישט אויף חובה. און אויף דעם מצוה פון רשות, אויף דעם איז דאך נישט דא קיין תשבו כעין תדורו, דערפאר זיצען חסידים אין די סוכה, אפילו ווען עס רעגנט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס זענען געווען וואס האבן ארייגעלייגט כוחות צו פארענטפערן חסידישע מנהגים. דער **פרי צדיק**, **רבי צדוק**, האט געשריבן א גאנצן חיבור (**משיב צדק**) צו פארענטפערן דעם מנהג צדיקים וואס זענען נישט געזיצען אין די סוכה שמיני עצרת.

**רבינו:** לויט דעם קומט אויס, וואלט געדארפט זיין, אז לויטן **גר"א** וואס האלט אז פסח איז דא א מצוה כל שבעה, עס איז נישט נאר א רשות, וואלט דא אויך געדארפט זיין א מצוה כל שבעה (עיין **בשו"ת ארץ צבי** שכתב דבריו על פי שיטת **הגר"א** דיש מצוה קיומית באכילת מצה כל ימי הפסח, וזה ילפינן מט"ו ט"ו גם לענין אכילה בסוכה ע"ש).

**הרה"ג רבי יהושע:** דער **משנה ברורה** (סימן תרל"ט סקכ"ד) האט א ספק צו לויטן **גר"א** איז גאנץ סוכות דא א מצוה קיומית אזוי ווי פסח.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** (**נימוקי אורח חיים** סימן תע"ה) נעמט אן לגבי פסח, אזוי ווי דעם **גר"א'ס** שיטה, אז עס איז דא יעדן טאג א מצוה קיומית צו עסן מצה.

**ר"י מונקאטש:** און דער **משנה ברורה** קלערט צו לויטן **גר"א** איז אפשר סוכות אויך אזוי.

**רבינו:** נאר דא קומט צו א חידוש, אז אויב איך נעם אן אזוי אויך לגבי סוכה, וועט זיין א מצוה אויך בשעת גשמים (לפי דבריו של **הגה"ק מקאזיגלוב**).

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז דא א ספק אין די פוסקים, ווען עס רעגנט די ערשטע נאכט, וויפיל איז דער שיעור צו ווארטן עס זאל אויפהערן די רעגן. עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף ווארטן ביז חצות (**ליקוטי מהרי"ל**, ועיין **בבכורי יעקב** סימן תרל"ט סקל"ג, **ובחיי אדם** כלל קמ"ז ס"ט) און יש אומרים שתי שעות (**משנה ברורה** שם סקל"ה בשם **האליה רבא ופרי מגדים**). פשט פון די שיטות זענען, די שיטה וואס האלט צוויי שעה איז פשוט אלץ מצטער דארף מען נישט ווארטן מער. און די וואס האלטן ביז חצות, ווייל מער קען מען נישט לערנען פון ט"ו ט"ו. דארט ביי פסח איז דאך אויך דער חיוב נאר ביז חצות, נאכדעם איז דאך שוין נישט דא קיין חיוב לויט רוב פוסקים.

**רבינו:** די וואס עסען פסח נאך חצות, די וועלן דארפן ווארטן לענגער די ערשטע נאכט סוכות ווען עס רעגנט. עס זענען דא פלעצער וואס עסן נאך חצות.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **רבי ר' מענדלע רימנובער** שרייבט (**מנחם ציון** לפסח ד"ה ורחץ) אז דעם כזית אפיקומן זאל מען עסן נאך חצות, ווייל

דעמאלטס איז שוין נישט דא די חיצונים, ער גייט מיט דעם דרך. זעהט אויס אז אין די פלעצער האלט מען אזוי לגבי דעם כזית מצה אויך.

**רבינו:** די הכנה צו די מצוה, ווערט שוין גערעכנט ווי די מצוה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס זענען דא אזעלכע וואס פלעגן ערשט באקן די מצות ביינאכט.

**רבינו:** דער **חתם סופר** האט אויך געבאקען פסח ביינאכט.

**ר' מונקאטש:** יעדעס יאר?

**רבינו:** נאר ווען עס איז געפאלען ערב פסח אין שבת.

**הרה"ג רבי יהושע:** דער **חתם סופר** האט געגעסן דעם אפיקומן נאך חצות, אפילו די ערשטע נאכט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** וואו נישט. די שיטה פונעם **רשב"ם** (פסחים קיט:) אז דער אפיקומן דאס איז דער עיקר כזית מצה איז זייער שווער צו דערהערן. די **משנה ברורה** (בשער הציון סימן תע"ז סק"ד) ברענגט עס אזוי. דאס אז עס איז נישט בהכרח צו לערנען אזוי אין **רשב"ם** דאס איז א עקסטערע שמועס, אבער אסאך פוסקים נעמען אזוי אן, אז לויטן **רשב"ם** דארף מען עסן דעם אפיקומן פאר חצות, ווייל דאס איז דער עיקר כזית מצה.

ביים **סאטמאר'ער רב ז"ל** געדענק איך, איך בין געווען דארט דריי יאר ביי די סדרים, די כזית מצה האט ער צוגעאיילט אז עס זאל זיין פאר חצות, רוב שנים האט ער דעם אפיקומן שוין נישט געגעסן פאר חצות, אבער איין יאר געדענק איך אז יא [אזוי ווי עס שטייט אין **תולדות** (סוף פרשת קרח) 'ולפעמים להיפוך' (עיין **בדברי תורה** מהדורה חמישאה אות נא, **ובשמן ראש** ח"י במדבר דף רסה)]. ער האט נישט טועם געווען כמעט גארנישט פון די סעודה, און ער האט תיכף געגעסן דעם כזית אפיקומן. איך ווייס נישט וואס עפעס דעם יאר האט ער אזוי געטון.

**רבינו:** די יארן וואס מען איז זוכה אז אליהו ברענגט פון דעם קרבן פסח, מוז מען עס עסן פאר חצות.

**האדמו"ר ממונקאטש:** יא, מען ברענגט דאך אזוי פונעם **ישמח משה** (הובא **בהגדת דברי חיים**)[ב].

**רבינו:** שמחת יום טוב איז דאך אויך א דאורייתא (שלא למהר בהסעודה כדי לאכול אפיקומן לפני חצות).

**ר' מונקאטש:** עס איז דא א שמועס אין **שאגת אריה** (סימן ס"ה) צו בזמן הזה איז עס אויך א דאורייתא.

**האדמו"ר ממונקאטש:** א אשה דארף מען דאך אויך משמח זיין אין יום טוב, אז מען יאגט די סעודה איז אמאל שווער... [וסיפר **האדמו"ר ממונקאטש** עובדות מצדיקים שויתרו על מנהגם וכדומה שלא לבטל מצות שמחת יום טוב].

**וכיבד את רבינו לברך על היין.**

**האדמו"ר ממונקאטש** (אחר שבירך ברכת לישב בסוכה): איך וועל מסביר זיין פארוואס איך האב געמאכט א לישב בסוכה, וואס פשטות איז דאך נישט אזוי. דער **סוואליעווער רב** איז דאך געווען א אדם גדול, ער איז געווען א וויזיט ביים הייליגען **דרכי תשובה** חול המועד סוכות, און ער האט געמאכט א לישב בסוכה. ביים **דרכי תשובה** איז עס געווען א שטיקל תמיה, האט דער **סוואליעווער רב** געזאגט, אז עס איז דא א **ריטב"א** אז ווען צוויי חכמים זענען זיך קובע א ישיבה בסוכה אויף ווין, הייסט עס א קביעות און מען קען מאכן א לישב בסוכה. האט דער **דרכי תשובה** געזאגט, איך ווייס נישט פון די

---

[ב] וזה לשונו, פעם אחת אחר אפיקומן אמר רבינו [**הרה"ק מצאנז זי"ע**] בזה הלשון, הנה סיפר לי מה שכתוב **בעשרה מאמרות**, אין פותחין משׁשה טלאים המבוקרים במקדש (ערכין ב-ה), ווי זענען די ששה טלאים אהין געקומען, ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארען בעוה"ר. מען האט זיי גענומען למדבר, און אליהו קונה נקבות ביומא דשוקא, והם פרים ורבים, ומכאן אליהו מקריב בכל יום שני קרבנות אחד בבוקר ואחד בערב. האט **הרה"ק [בעל ישמח משה] מאוהעל זצ"ל** מתפלל געווען שרוצה לראות בעיני בשר. והראה לו הקב"ה כאשר אליהו עומד ומקריב, ואליהו הוא כהן הדיוט, ומיכאל הוא כהן גדול. כמו כן בכל פסח, אליהו מקריב קרבן פסח, און ברענגט צו אלע צדיקי הדור א שטיקעל פסח (כי המה המנויים). כאטש מיר זענען נישט אין ארץ ישראל אין ירושלים, ברענגט אליהו אוירא דארץ ישראל ואוירא דירושלים, און מען זיצט אין ארץ ישראל און מען עסט פונעם קרבן פסח. די וואס זענען נישט דערביי אז אליהו זאל זיי ברענגען, נאר זיי האלטן זיך אין צדיקי הדור, און גלייבען אז צדיקים עסן, איז אזוי ווי זיי וואלטן אליין געגעסן. עטץ וועט מיינען ברוחניות, טאקע בגשמיות, א שטיק קרבן פסח... צו די היינטיגע צדיקי הדור ברענגט מען איין רעכט שטיק קרבן פסח. איי מיר זענען טמאי מתים, טומאה נדחה בציבור. מיר זענען אין ירושלים, און מיר עסן. און די וואס גלייבן, איז אזוי ווי זיי וואלטן געגעסן עכדה"ק.

**ריטב"א**, אבער אז דער **סוואליעווער רב** האט געמאכט א ברכה, האט ער אויך געמאכט א ברכה. סתם אזוי ווען איך טרינק מאך איך אויך נישט א לישב בסוכה, אבער אז איך האב אזא חשוב'ער גאסט...

**רבינו:** און איך האב יוצא געווען מיט שומע כעונה. עס איז דאך א שאלה אפילו אויף אלע מסובים, וואס מען זיצט צוזאמען בסוכת חבירו.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **סוואליעווער רב** איז געווען א תלמיד חכם מופלג, אזוי ווי עס איז דא פון אים א ספר אויף מגילה (**בית יצחק**), אזוי איז געווען אויך אויף רוב ש"ס. אויף מגילה איז עס זייער א שיין ספר, א עמקות'דיגער ספר, אזוי איז געווען כמעט אויף גאנץ ש"ס.

לחיים ולברכה. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן א פרייליכען יום טוב, איך בין א בעל שמחה, איך האב געהאט א אייניקל היינט (נכד לחתנו הרה"ג רבי **יוסף הורוויץ** שליט"א).

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען ווייטער אויך, מיט בריאת השלימות, מיט חיזוק הכוחות להגדיל תורה ולהאדירה. מיט שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**ונפרדו לשלום**

*

**אחר כך עלה רבינו שליט"א לביקור חג אצל אחיו כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו** (הראה על השטערנ"ס התלויים לנוי סוכה)**:** עס איז נאך פון די אלטע שטערנס (שנעשו על ידי **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**), ער האט געהאט א געפיל אין די מצוה פון סוכה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט געענדיגט באצירן די סוכה ממש נאנט צו יום טוב. אסאך מאל האט ער נאך צוגעענדיגט חול המועד.

**רבינו:** ער איז געווען א פונקטליכער, און טאמער א שטערן איז געווען אביסל אפגערוקט איינס פונעם אנדערן, נישט אויפן געהעריגע סדר, האט עס אים געשטערט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אלעס איז געווען געלייגט מיט א חשבון.

**רבינו:** א גרויסע אקעגן א גרויסע, און א קליינע אקעגן א קליינע. אויפן דאך זאל זיין פונקטליך אפגערוקט איינס פונעם צווייטען די זעלבע מאס ווי די צווייטע פונעם דריטן. עס זאל זיין מיט א סדר. און וויפיל צייט ער האט אוועקגעגעבן פארן אתרוג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט אלעס געטון אליין, אן קיין משמשים. ער איז אליין געגאנגען, און געפארן.

**רבינו:** ביי די אמאליגע סוחרים איז נישט געווען אזוי ווי היינט, אז זיי האבן געהאט אויסגעקליבן די גוטע, נאר מען האט געדארפט אליין זוכן. מען האט אויסגעפאקט א באקס, און מען האט געזוכט ביז עס איז געלונגען. מען האט באקוקט צענדליגער אתרוגים, ביז מען האט געטראפן איינס וואס מען האט געדארפט. אזוי ווי עס איז אנגעקומען באקסעס פון לופטפעלד, אדער פונעם שיף, אזוי האט מען עס אראפגעלייגט. אזוי ווי דער גוי האט עס אפגעשניטן פונעם בוים, און אריינגעלייגט אין די באקסעס, אזוי איז עס אנגעקומען אין געשעפט.

**א' הנוכחים:** ער האט גענומען א יאנאווער אתרוג?

**גאב"ד סערדאהעלי:** אנהייב האט ער גענומען א גריכישע אתרוג. זיי זענען געווען זייער שיינע אתרוגים. עס האט זיך אויפגעהערט סוף פון די י' יארן.

**רבינו:** עס איז געווען זייער שיינע אתרוגים, מיט חריצין ובליטין כמגדל. כמעט וואס מען זעהט נישט היינט אזעלכע שיינע אתרוגים, ווי די גריכישע מורכבים זענען געווען אמאל.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די יאנעווער קען זיין פונקט אזוי מורכב, נישט געזארגט.

אין די פוסקים ווערן די גריכישע אתרוגים אנגערופן אתרוגי קארפוי. עס איז דא דערויף א תשובה אין **אבני נזר** (חו"מ סימן קט"ו).

**רבינו:** מען שרייבט אז דער **רבי פון לובלין** האט גענומען א גריכישע אתרוג (**אבני נזר** שם, **ובחידושי מהרא"ך** תרמ"ח).

**גאב"ד סערדאהעלי:** א יאנאווער אתרוג שטאמט פונעם **חתם סופר** (עיין **בשו"ת חתם סופר** או"ח סימן רז).

**רבינו:** אין ליובאוויטש זאגט מען אויך, אז ווען משה רבינו האט מצווה געווען די מצוה פון אתרוג, האבן די מלאכים געברענגט פון איטאליע.

**א' הנוכחים:** א ארץ ישראל'דיגער אתרוג האט מען נישט גענומען?

**גאב"ד סערדאהעלי:** נישט דאהי, עס איז געווען סאטמארער חסידים, און עס איז געווען די אנהייב יארן פון די מדינה.

**רבינו:** איך האב געזען שטיין, אז אין ארץ ישראל זענען דא מקפידים אז זיי גייען אין אלט שטאט ירושלים מיט א אתרוג און לולב, ווייל עס שטייט אין פסוק (ויקרא כג-מ) ולקחתם לכם ביום הראשון וגו', ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים. אבער דער **בריסקער רב** האט געזאגט, אז ער גייט נישט, ווייל אזוי ווי ער האט א ספק אויף זיין אתרוג צו עס איז כשר צו נישט, צו עס איז מורכב צו נישט, גייט ער זיך נישט ארייגלייגען אין א ספק דאורייתא, אז ער זאל זיין דארט מחוייב מדאורייתא צו נעמען די ד' מינים, און עס איז חשובער נישט צו גין אינגאנצן.

**הרה"ג רבי ישכר דוב כ"ץ** (בן גאב"ד סערדאהעלי): אלע פסולים פון יום ראשון גייט אויך אן דארט אלע זיבן טעג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אנדערע פסולים האט ער געקענט וויסן צו עס איז גוט צו נישט, אבער מורכב קען מען נישט וויסן, אלעס איז נאר חזקות ומסורות. דער **טאטע ז"ל** האט דאך אמאל ביי א ברית גערעדט מיטן **סאטמארער רב ז"ל** וועגן דעם.

**רבינו:** דער **סאטמאר'ער רב** האט אים געזאגט, אז ער האט געפרעגט אין ארץ ישראל א סוחר וואס האט פארקויפט די ד' מינים, ווי אזוי ווייסטו אז עס איז נישט מורכב? האט ער געזאגט, אז ער קויפט עס פון א אלטן אראבער, וואס ער ווייסט נישט פון קיין הרכבה צו זאגן. האט ער אים געזאגט, קודם כל דער אלטער אראבער האט קינדער אויך, וואס זיי ווייסען שוין גאנץ גוט, וואס דער אלטער ווייסט נישט. און נאכדעם, הרכבה שטייט שוין אין די משנה, מיט טויזנט יאר צוריק האט מען שוין געמאכט הרכבה. א אלטער אראבער ווייסט אויך ווי אזוי מען איז מרכיב.

**גאב"ד סערדאהעלי:** זיי זאגן א דבר של חידוש, דער **סאטמארער רב** פלעגט צו מאכן א ברכה אויף יעדע זאך מיט אזא כח, אבער די ד' מינים האט ער גענומען ביי זיך אין די סוכה, און ער האט נישט ארייגעלאזט דעם עולם אין די סוכה, נאר מען איז געשטאנען אינדרויסן, און מען האט נישט ארויסגעהערט ווי אזוי ער מאכט די ברכה, און מען האט נישט געזען וועלכן אתרוג ער נעמט. עס איז א גרויסע טענה.

**רבינו:** ווען ער איז נישט געזונט געווען, און מען האט שוין יא אלעס געזעהן האט ער געמאכט א ברכה. - עס איז אבער נישט קיין גרויסע ראיה.

**ונפרדו לשלום**

*

בשעות הלילה נכנס **רבינו שליט"א** לשמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. בין המסובים נכחו: **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** אב"ד שומרי שבת (ב"פ), **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי).

אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג אב"ד סערעדנא שליט"א**. עם סיום ברכת המזון יצאו כל הנאספים במחול וריקודין לרגל שמחת בית השואבה למשך שעה ארוכה.

*

***יום חמישי – ב' דחוה"מ סוכות***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של זקינו (אבי אמו) **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא. **רבינו שליט"א** חילק מזונות לקהל הנוכחים, וסיפר סיפורים מבעל ההילולא.

***וזה תוכן הסיפורים:***

**עס** איז היינט די יארצייט פון מיין זיידען דער **מאקאווער דיין זצ"ל** (בעמח"ס **אהבת חיים**). ער איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם זי"ע**, פון די בר מצוה אן. ער איז געווען א איידעם ביי א סופר אין חוסט (הגה"צ **רבי אברהם יקותיאל שווארץ זצ"ל**, בעמח"ס **נפש טובה**). ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, ער איז געזעצן אינעם בית דין פונעם **מהר"ם שיק**, און צוזאמען געשריבן די גיטין. ער ווערט דערמאנט אין די הקדמה פון **מהר"ם שיק**.

**ווען** מען האט אים אנגעטראגען דעם שידוך, האט דער זיידע געקווענקעלט, ער האט געהאלטן אז

ער איז א גוטער בחור, און ער קען אפשר אנקומען אין א רבנישע שטוב, און ווערן א דיין ערגעץ, און נישט צו א סופר. ער איז אבער געווען א בעל בתי'שער יוד, און ער האט צוגעזאגט קאסט אסאך יארן. ווען דער זיידע האט גערעדט מיטן **ערוגת הבשם** וועגן דעם שידוך, האט דער זיידע געזאגט, אז ער איז א סופר. זאגט דער **ערוגת הבשם**, אבער ער איז א סופר ומונה..., און ער וועט קענען זיצען און לערנען נאכדעם.

**ער** איז געווען א עני ואביון כל ימיו. דער שווער האט אים אויסגעהאלטן די ערשטע פאר יאר, אבער וואס עס איז נישט אנגעשריבן פון אויבן, נעמט מען זיך נישט אליין. עס איז געווען א שטוב מיט איבער צוואנציג קינדער, א טייל זענען אוועק. די מאמע ע"ה האט דערציילט, אז זי געדענקט נישט, אז מען זאל אריינרופן א קינד צו נאכטמאל, און אז מען איז געקומען בעטן עסן, האט מען געזוכט וואס מען קען געבן. - א השגה ווי אזוי מען האט אמאל געלעבט.

**איך** האב געהערט פון די מאמע ע"ה אז זי האט געהאט א ברודער וואס איז געווען אין די יארן פון שידוכים, און אמאל איז געקומען דעם זיידנס א חבר פון ישיבה, ער איז געווען א תלמיד חכם, און ער האט געדארפט חתונה מאכן די קינדער, און ער האט נישט געהאט קיין פרנסה, איז ער ארומגעפארן אין די שטעטלעך צוזאמשטעלן אביסל געלט, און ער איז אויך אנגעקומען קיין מאקאווא. איז ער אריין אויף א באזוך צום זיידען, און געשמועסט מיט אים אין לערנען. בתוך הדברים זאגט ער פארן זיידען, אז ער האט א טאכטער אין די רייע. און דער זיידע האט געהאט א זון אין די רייע. האט דער חבר געזאגט, אפשר זאלן מיר זיך משדך זיין [צוויי ארימעלייט]. און עס איז געפאלן פארן זיידען דער שידוך.

**ער** האט געהאט א צימער אויבן אויפן שטאק וואו ער האט געלערנט, מיטאג איז ער אראפגעקומען, האט ער געזאגט פאר די רעבעצין, אז דער חבר איז געווען ביי מיר, און ער האט מיר געזאגט אז ער האט א טאכטער אויף די רייע, און אונז האב מיר א זון אין די רייע, אפשר זענען מיר זיך משדך. האט זי אים געזאגט, חיים לייב, דו ווייסט דאך אז דו האסט גארנישט, און ער האט אויך גארנישט, ווי אזוי קען מען טון אזא שידוך? האט זיך דער זיידע אנגערופן, 'אבער דער באשעפער האט'. מער האט זי נישט גערעדט, און דער שידוך איז געווארן. די מאמע האט געזאגט, אז דער ברודער איז שפעטער געווען דער בעל בתיש'טער קינד פון אלע קינדער, און ער האט געהאלפן די שטוב, ער האט געשיקט אויף יום טוב. - פון דעם וואס דער באשעפער האט. - דאס איז די אמונה פשוטה ווי אזוי מען האט אמאל געלעבט.

*

בשעות הלילה נכנס **רבינו שליט"א** לשמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא. עם סיום ברכת המזון יצאו כל הנאספים במחול וריקודין לרגל שמחת בית השואבה למשך שעה ארוכה.

*

***<u>יום שני - שמיני עצרת</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **אלכסנדר פאנעט** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש דעעש. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

*

***<u>יום רביעי פרשת בראשית – אסרו חג</u>***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם שמואל זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**ביי** די מצוה פון ברית מילה שטייט אין פסוק א דאפעלטע לשון, המול ימול יליד ביתך וכו' (בראשית יז-יג). די גמרא (ע"ז כז.) שטעלט זיך שוין דערויף, וואס איז דער כפל הלשון. די גמרא

דרשנ'ט, המל, דער וואס איז שוין געמל'ט, ימול, ער זאל מל'ן דאס קינד. ברית מילה דארף זיין דורך איינעם וואס איז שוין געמל'ט, א ערל קען נישט מל'ן א קינד. קומט אויס, אז המול ימול, רעדט מען פון צוויי באזונדערע מענטשן, דער ערשטער המול גייט ארויף אויף דער מוהל וואס מל'ט, ער זאל זיין נימול. און ימול גייט ארויף אויפן קינד, וואס מען מל'ט.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט דערין נאך א כוונה. ווען מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, פעלט דאך דער דעת. מצות צריכות כוונה, יעדע מצוה האט א חשיבות ווען א יוד טוט דעם רצון הבורא מיטן גאנצן הארץ. מען רעדט דאך פון אזא חשובע מצוה ווי מילה, וואס דאס קינד גייט אריין אין קדושת הברית, און עס פעלט דער דעת ביים מקיים זיין די מצוה.

**עס** שטייט פונעם מיטלן **בעלזער רב, רבי יהושע זי"ע**, אז עס פעלט טאקע. ביי די מצוה פונעם קינד איז נאר דא די מעשה המצוה, אבער די מחשבה פעלט. אבער ווען דאס קינד ווערט ערוואקסען, און ער איז שפעטער מכניס זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז ער דעמאלטס מגלה אז ער איז צופרידן אז מען האט אים גע'מל'ט, ווייל א ראיה איז, אז ער גייט יעצט אויך מל'ן זיין קינד. איז דעמאלטס ווען ער מל'ט זיין קינד, ווערט נשלם דער ברית וואס מען האט אים גע'מל'ט. בשעת מען האט אים גע'מל'ט, איז ער געווען געצווינגען, ער האט זיך נישט געקענט אקעגן שטעלן. אבער ווען איך זעה אז ער איז שפעטער מכניס זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז א סימן אז ווען ער זאל קענען דעמאלטס האבן א רצון, וואלט ער אויך מסכים געווען דערצו.

**האט** דער **בעלזער רב** געזאגט, אז דאס איז פשט אין דעם הרחמן וואס מען זאגט ביי א ברית, הרחמן הוא יברך אבי הילד ואמו, ויזכו לגדלו ולחנכו ולחכמו, מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ויהי ה' אלקיו עמו. מען רעדט דאך פון די עלטערן, הרחמן הוא יברך 'אבי הילד ואמו'. אויפן קינד איז דא א עקסטערע הרחמן. און אז מען רעדט יעצט פונעם טאטע און מאמע, הרחמן הוא יברך אבי הילד ואמו, ווי קומט אריין, מיום השמיני והלאה ירצה דמו, דאס גייט דאך ארויף אויפן קינד.

**האט** דער **בעלזער רב** געזאגט, ווען א טאטע ברענגט אריין זיין קינד אין ברית מילה, דעמאלטס איז מיום השמיני והלאה ירצה דמו, זיין דם, דאס וואס מען האט גע'מל'ט דעם טאטען, דאס ווערט נגמר בשעת ער ברענגט אריין זיין קינד אין ברית מילה. עס איז נישט אז נאר ביום השמיני איז מען מקיים די מצוה פון מילה, נאר מיום השמיני והלאה, שפעטער ווען ער וועט נאכדעם מל'ן זיין קינד, ירצה דמו, דעמאלטס וועט נרצה ווערן זיין דם.

**קומט** אויס, אז מצות מילה איז איינגעטיילט ביי יעדן יוד אין צוויי חלקים. דעם אכטן טאג בשעת מען מל'ט אים, איז ער מקיים די מעשה המצוה, אבער די מחשבה פון די מצוה פעלט, און דאס ווערט ערשט נשלם בשעת ער אליין גייט מל'ן זיין קינד, דעמאלטס ווערט נשלם זיין מחשבה, און דעמאלטס ווערט נגמר זיין מצות מילה.

**זאגט** די תורה, ביי יעדן ברית מילה איז המול ימול, המל ימול, דער טאטע וואס מל'ט דאס קינד, ער ווערט דערמאלטס געמל'ט. ווייל עס איז נישט נאר אז ער איז מקיים מצות מילה מיט זיין קינד, נאר מצות מילה פונעם קינד איז מגלה אז זיין מצוה וואס מען האט אים גע'מל'ט איז אויך געווען לרצון. כאטש דעמאלטס איז עס געווען באונס, אבער דו זעהסט דאך אז יעצט טוט ער אויך אריינברענגען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז עס מגלה אז זיין מצוה, ווען ער זאל האבן דעמאלטס א כוונה, וואלט ער אויך מסכים געווען. איז המל ימול, בשעת מען מל'ט דאס קינד, איז המל, דער טאטע וואס מל'ט דאס קינד, ווערט אויך ימול, ווערט אויך דעמאלטס געמל'ט.

*

**די** גמרא זאגט, אז עס גייט ארויף אויפן מוהל, אז דער מוהל טאר נישט זיין קיין ערל. המל ימול, אז ער מל'ט א קינד, מוז ער אויך זיין גע'מל'ט. אין יעדע זאך ליגט א מוסר השכל. די תורה לערנט אונז, אז חינוך, מחנך צו זיין א קינד, קען מען נאר

ווען מען איז אליין דערביי. אבער ווען א מענטש איז נישט דערביי, און פארן קינד וועט ער זאגן, לערן און דאווען, און טוה מצות און מעשים טובים, און דער פאטער אליין איז נישט ביי דעם וואס ער רעדט צום קינד, אזא חינוך וועט נישט עושה רושם זיין. יעצט וועט דאס קינד מוזן פאלגען, ווייל דער טאטע שטייט אויפן קאפ, מוז ער עס טון, אבער דאס איז נישט א חינוך וואס א קינד זאל בלייבן דערמיט.

**די** תורה לערנט אויס, אז ווען מען וויל אריינברענגען א קינד בבריתו של אברהם אבינו, און דער מוהל וואס טוט מל'ן דאס קינד איז א ערל. ער אליין איז נישט מקיים מצות מילה, אבער ער וויל אז דאס קינד זאל פארגיסן דאס בלוט פארן אייבערשטען, דאס גייט נישט. המל ימול, ווען דו טוסט דיך אליין קודם מל'ן, דו האסט קודם פארגאסן דיין בלוט פארן אייבערשטען, און נאכדעם גייסטו מחנך זיין דאס קינד, אז דאס קינד זאל אויך נתגדל ווערן אויף דעם וועג, דאס ווערט גערעכנט אז מען האט אים מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו. אבער ווען פאר זיך אליין איז ער געבליבן א ערל, ער איז נישט גרייט אויף מסירת נפש, אבער ער וויל אריינלייגען דאס קינד אין מסירת נפש, דאס איז נישט קיין חינוך.

*

***<u>שבת קודש פרשת בראשית</u>***

בקריאת התורה התקיים הבאוארפן של החתן **יצחק מרדכי** ני"ו בן הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראלי** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יחיאל זיגעלמאן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת בתו ע"ה. - ואצל משפחת מרת כ"ץ ע"ה (אלמנת הר"ר **ישראל דוב** כ"ץ ע"ה). - ואצל משפחת הר"ר **צבי גרינבלאט** ע"ה.